אז ר"ח איז כולל אין זיך דעם טאג פון חמשה עשר בו
(מ'געפינט אבער ניט אז חמשה עשר בו זאל כולל זיין אין זיך
דעם טאג פון ר"ח) - וואָרום דער חילוק פון ר"ח מיט חמשה
עשר בו, איז ניט נאר דער חילוק צווישן דעם "בכח" מיטן
"בפועל", נאר אויך, אז מצד דעם סדר זמנים איז דאס דער טאג
פון "ראש חודש", וואס ער איז כולל אין זיך את כל ימי
החודש, כולל אויך חמשה עשר בו.

ווי דער אלטער רבי[87] איז מדייק אז ער ווערט אנגערופן
"ראש" און ניט "התחלה", דערפאר וואס ער איז ניט נאר "תחלה",
נאר ער איז אויך בדוגמת הראש וואס איז כולל אין זיך כל
האברים כולם, און אויך דערנאך ווען יעדערער פון די אברים
געפינט זיך במקומו, איז דער "ראש" דער וואס פירט אן מיט
זיי, כמבואר בארוכה אין עס"ר בהחלהו.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער טאג פון ר"ח שבט
איז כולל אין זיך אלע טעג פון חודש שבט, כולל אויך חמשה
עשר בו, ביז וואנעט אז ס'זיינען דא טעג מיט וועלכע דער
טאג פון ר"ח האט א שייכות מיוחדת, וואס איינער פון די טעג
איז חמשה עשר בו - וויבאלד אז דער חילוק צווישן ר"ח מיט
חמשה עשר בו, איז דער חילוק צווישן דעם "בכח" מיטן "בפועל"
אין דעם זעלבן ענין - "ר"ה לאילן".

יח. דער כללות הענין פון "ר"ה לאילן" (בר"ה שבט אדער
בחמשה עשר בו) איז לכאו' א דבר תמוה:

דאס איז דאך "ר"ה לאילן". און אעפ"כ מאכט מען דערפון
א גאנצע הדגשה בנוגע צום אדם - ביז וואנעט אז בכמה קהילות
פירט מען זיך אז בחמשה עשר בשבט זאגט מען א גאנצן תיקון
(פון מזמורים און פזמונים וכו'[88]), און אפי' אין די קהילות
וואס מ'זאגט ניט דעם תיקון, איז דאך דא דער מנהג אז מ'עסט
פירות[89], ובפרט די פירות שנשתבחה בהם א"י.

און מ'פארבינדט דאס דערמיט וואס ס'שטייט[90] "כי האדם
עץ השדה", און די גמרא[91] זאגט אז דאס גייט אויף א ת"ח, אז
"אם ת"ח הגון הוא ממנו תאכל ואותו לא תכרות כו'".

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: ווען מ'וויל זאגן א
מעלה אויף א ת"ח, איז אמת טאקע אז מין הצומח איז העכער
פון מין הדומם, דאס קומט דאך אבער ניט צו מעלה מין החי,
ועאכו"כ אז דאס קומט ניט צו מעלת מין המדבר - איז פארוואס

- פארגלייכט -

---

87) לקו"ת תבוא מא, ג. 88) נדפסו בספר פרי עץ הדר -
ליוורנו שנת "מהוקה". 89) מג"א או"ח סקל"א סקט"ז. השלמה
לשו"ע אדה"ז סקל"א ס"ח. 90) שופטים כ, יט. 91) תענית ז. א.

פארגלייכט מען א ת"ח צו "עץ השדה", דער מין הצומח?

יט. דעם זעלבן ענין געפינט מען אויך בנוגע צום פסוק[92] "הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל ומלאו פני תבל תנובה" - ווי גערעדט פריער. דאס וואס ס'איז מבואר אין די דרושים (פון דעם אלטן רבי'ן[93], ועד"ז אין די דרושים פון כל הנשיאים שלאחריו, ביז צו די דרושים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו), אז דאס גייט אויף דעם ענין פון תומ"צ, וואס זיי ווערן נשרש אין דער "ארץ חפץ"[94], וואס דאס זיינען אידן, און דערנאך ווערט דער "יציץ ופרח", ביז צו "ומלאו פני תבל תנובה".

איז אע"פ אז אין דערויף איז טאקע דא אן ענין של ריבוי, ביז אז ס'איז אויך דא דער ענין וואס פון א גרעין ווערט דערנאך אן אילן עושה פירות, אזן די פירות האבן אין זיך גרעינים וואס זיינען אויך עושה פירות עד סוף כל העולם - קומט דאך דאס אבער ניט צום עילוי וואס איז דא אין מין החי [ביז וואנעט אז מ'זאגט[95] אז די שלימות פון מין הצומח איז, ווען ער ווערט נאכל ע"י החי, וואס דעמולט ווערט ער נתעלה לדרגת החי], ועאכו"כ אז דאס קומט ניט צו מעלת מין המדבר.

און אעפ"כ זאגט מען[96] "מאי פירי - מצוות", און בשעת מ'דאדף מבאר זיין וואס קומט צו דורך דעם ענין הגלות, זאגט מען אז עס ווערט אויפגעטאן דער ענין פון "ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל גו'" - בדוגמת הענין פון מין הצומח.

בדוגמא ווי געזאגט פריער אז א ת"ח איז געגליכן געווארן צו "עץ השדה" - וואס דאס גייט דאך אויף יעדער אידן, ווארום יעדער איד איז פון דעם "עם חכם ונבון"[97], און יעדער איד איז פארבונדן מיט תורה, חכמתו ורצונו של הקב"ה, וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ווען מ'זאגט אז א ת"ח איז בדוגמת "עץ השדה" - גייט דאס אויף יעדער אידן.

ועד"ז זאגט מען אז "כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב (יעדער איד האט א קיום לעולם ועד, דערפאר וואס) שנאמר[98] ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר"[99] - וואס "מטעי" איז דאך דער ענין פון צומח.

[מ'זאגט טאקע "מעשה ידי" - אבער דער פירוש אין פשטות

- הכתובים -

----

92) ישעי' כז, ו. 93) תו"א שמות נג, ג ואילך. 94) ל' הכתוב - מלאכי ג, יב. וראה תו"א שם, ד. 95) עקרים מ"ג פ"א. קונטרס ומעיין מ"א פ"ג. 96) סוטה מו, סע"א. 97) ואתחנן ד, ו. 98) ישעי' ס, כא. 99) סנהדרין צ, א במשנה.

הכהובים איז, אז דער ענין פון "נצר מטעי" ווערט דורך "מעשה ידי", דורך אן ענין של עשי' (דער ענין פון זריעה - וואס זריעה איז דאך פון די ל"ט מלאכות - "הזורע והחורש וכו'", מיט אלע ענינים וואס מ'רעכנט אויס אין "סידורא דפת"[100]).

וכאמור, אז לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז מען אזוי מדגיש די מעלה פון מין הצומח - דער מין החי, ועאכו"כ דער מין המדבר, איז דאך א סאך העכער דערפון?

ג. איז איינער פון די ביאורים בזה: ס'איז מבואר אין חסידות[101], אז עיקר עבודת האדם באשטייט אין די מדות שלו.

די עבודה דארף טאקע זיין "בכל לבבך ובכל נפשך"[102], מיט אלע עשר כחות הנפש, אויך מיט חב"ד שבנפש, אבער דער עיקר הענין וואס צוליב אים איז די נשמה אראפגעקומען דא למטה, כדי ס'זאל זיין דער "אני נבראתי לשמש את קוני"[103] וואס דערפאר דארף ער באווייזן אז ער טוט אן ענין וואס ווערט אנגערופן בשם "עבודה", און דערפאר ווערט ער אנגערופן בשם "עבד" - איז די עבודה וואס איז פארבונדן מיט די שבע מדות.

וכמבואר בארוכה אין דעם מאמר ד"ה אל תצר את מואב[104], אז בזמן הזה איז עיקר העבודה אין די שבע מדות, וואס דאס איז בדוגמת הענין פון כיבוש ארץ שבעה אומות, און לע"ל וועט זיין דער עיקר העבודה אין חב"ד שבנפש, וואס דאס איז בדוגמא פון דעם כיבוש פון קיני קניזי וקדמוני, וואס דאס ווערט אויפגעטאן ע"י העבודה בזה"ז, וואס עיקר העבודה איז אין די שבע מדות.

ד.ה. אז כללות העבודה אין עוה"ז הגשמי והחומרי (וואס דארטן דארף זיין דער ענין פון אתהפכא חשוכא לנהורא ומרירו למיתקא) - איז ניט די עבודה וואס איז פארבונדן מיט שכל, נאר עיקר העבודה איז אין די מדות.

וכידוע[105] דער פתגם פון דעם בעש"ט, פון דעם אלטן רבי'ן, און דער צ"צ, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אז דער ענין החסידות איז לשנות טבע מדותיו - עס ווערט ניט דערמאנט דער ענין פון שכל, און ס'שטייט אפי' ניט דער לשון "כחות" (אז מ'דארף משנה זיין דעם טבע פון די כחות), וואס איז כולל סיי דעם שכל און סיי די מדות, נאר לשנות טבע מדותיו דוקא.

- און -

---

100) שבת עג, א במשנה. וראה שם עד, ב. 101) ראה שערי אורה בתחלתו. ועוד. 102) ואתחנן ו, ה. 103) קידושין בסופה. 104) לכ"ק אדהאמ"צ - ע' 11 ואילך. 105) לקו"ד כרך א נו, א ואילך. התמים חו' ג ע' סו.

און ווען מ'איז מבאר דעם ענין פון "וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב", טייטשט מען אפ אז דאס איז דער ענין פון מדות - אהבה, יראה און רחמים[106], אע"פ אז ס'איז דא דער ענין פון אברהם יצחק ויעקב ווי דאס איז אין שכל - ווארום עיקר העבודה איז אין דעם ענין פון מדות.

און אין כללות קומת האדם איז דער ענין המדות - דער ענין פון צומח שבאדם[107]: דער ענין השכל איז בחי' החי שבו, און די דרגא שלמעלה מן השכל איז בחי' המדבר שבו, און דער ענין פון מדות איז בחי' הצומח שבו.

און וויבאלד אז עיקר עבודת האדם איז אין די מדות שלו, דערפאר איז מען מדגיש דעם ענין פון צומח.

כא. די מעלה מיוחדה וואס מ'זעט אין דעם מין הצומח, וואס דאס איז נישטא אין מין החי והמדבר, איז - אז דער מין הצומח איז אלעמאל פארבונדן מיטן ארט פון וואנעט ער קומט, וואס דאס איז א מעלה הכי גדולה.

דער מין החי, גייט ארום ממקום למקום, ואדרבה: דאס וואס ער איז משנה מקומו און גייט ארום ממקום למקום, באווייזט דאס אויף דעם ענין החיות שבו, און אז די חיות שבו איז ווי עס דארף צו זיין. ועאכו"כ בנוגע צום מין המדבר, וואס ער דארף משנה זיין ניט נאר מקומו, נאר "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך"[108], מיט אלע פירושים שבדבר[109].

משא"כ בנוגע צום מין הצומח, וואס זיין גאנצער קיום איז דוקא ווען ער איז פארבונדן (דורך די שרשים) מיט דעם מקום פון וואנעט ער האט אנגעהויבן וואקסן, וואס דאס איז די ארץ הלזו ההחונה, וואס אין איר איז אריינגעגעבן געווארן דער כח הצומח אויף צו מצמיח זיין[110], ביז צו מצמיח זיין אן עץ מאכל מיט אלע פרטים שבדבר, וואס דורך דערויף וואס דער עץ איז מחובר מיטן ארץ ע"י השרשים שלו, באקומט ער דעם כח הצמיחה פון דעם ארץ.

דער מין החי און מין המדבר דארפן אויך אנקומען צום ארץ, נוסף אויף דערויף וואס זייער התהוות איז געווען מן העפר, ווארום "הכל הי' מן העפר"[111]; ווען איז אבער זייער מציאות ווי עס דארף צו זיין - דוקא ווען זיי זיינען זיך מתנענע, און גייען אוועק פון זייער מקום צו א מקום עליון יותר, ביז באופן פון אין ערוך (און דערצו דארף זיין זייער שאיפה).

- משא"כ -

----

106) הו"א פרשתנו נה, ד ואילך. 107) שם בראשית ד, א. לקו"ת חקת נח, א. ברכה צה, ג. 108) ר"פ לך לך. 109) ראה סד"ה לך לך הרס"ז. לקו"ש ח"א ע' 17 ואילך. ועוד. 110) ראה אגה"ק ס"כ (קלב, א ואילך). 111) קהלת ג, כ.

הנחה הה' בלתי מוגה

משא"כ אבער בנוגע צום מין הצומח, וואס ער קען ניט אוועקגיין פון דעם ארט פון וואנעט ער האט אנגעהויבן וואקסן; ער קען וואקסן אלץ העכער און העכער, ביז וואנעט אז עס ווערט "פריו ממעל" (ווי דער לשון הכתוב[112] בנוגע צו ארזים), אבער די שרשים מוזן בלייבן <u>בארץ</u>, ואדרבה - ווי "נעים זמירות ישראל" זאגט בתהלה ספר התהלים שלו[113] "והי' כעץ שתול על פלגי מים אשר פריו יתן בעתו ועלהו לא יבול", אז מצד דערויף וואס ער איז "שתול" (ער איז מחובר לארץ, דורך די שרשים), האט ער ניט מורא פאר קיין זאך, און ער איז הולך וצומח ופורח וכו'.-

כב. דער ביאור אין דעם ענין פון "צומח" (אז ער איז שטענדיק פארבונדן מיטן ארט פון וואנעט ער האט אנגעהויבן וואקסן, דורך די שרשים שלו) - ווי דאס איז אין עבודת האדם:

מ'זאגט א אידן, אז בכל מקום וואו ער געפינט זיך, זאל ער ניט מיינען אז ער איז אפגעריסן ח"ו פון די אבות, נאר ער דארף וויסן אז "ישרש יעקב" - דער שרש פון וואנעט ער איז געבארן געווארן (און דער שרש פון זיין פאטער, ועד"ז דור למעלה מדור), איז עס זיין שרש צו וועלכן ער איז מחובר <u>בתמידות</u>,

מ'דארף נאר האבן אז ער זאל אויסנוצן דעם כח וואס ער באקומט פון דעם שרש, אז ביי אים זאל זיין דער ענין פון "וארא", אזוי ווי ס'איז געווען בא זיינע "אבות" (ווי דערמאנט פריער (ס"ג) וואס רש"י טייטשט אפ אויף "וארא" - "אל האבות"),

ביז וואנעט אז דערפון זאל ווערן דער "אמור אל בנ"י אני ה' והוצאתי גו' והצלתי גו' וגאלתי גו' ולקחתי גו'"[114], די אלע ד' לשונות של גאולה[115], און אויך "והבאתי גו'"[116] - דער לשון החמישי וואס איז פארבונדן מיטן כוס החמישי, כמבואר אין מפרשי ההגדה[117].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אע"פ אז אין מין החי און מין המדבר איז דא א מעלה וואס איז שלא בערך העכער פון מין הצומח, פונדעסטוועגן, ווען ער דארף האבן דעם ענין הבטחון, ער זאל זיין זיכער אז ער וועט מצליח זיין בשליחותו לעשות לו ית' דירה בתחתונים - באקומט ער דעם כח אויף דערויף דורך דעם וואס ער איז זיך מתבונן אז ער איז בדוגמת "עץ השדה":

- דער -

----

112) עמוס ב, ט. 113) א, ג. 114) פרשתנו ו, ו-ז.
115) שמו"ר פ"ו, ד. ירושלמי פסחים פ"י ה"א. ועוד.
116) פרשתנו שם, ח. 117) ראה הו"ש וארא מילואים ס"א.

דער "עץ השדה" איז אלעמאל מחובר מיטן ארט פון וואנעט ער האט אנגעהויבן וואקסן - ועד"ז בנוגע צו א אידן, וואס ער האט אנגעהויבן וואקסן זייענדיק ביים בארג סיני בשעת מ"ת, און נאך פריער: ווען "אחד הי' אברהם ויירש (זרעו) את הארץ"[118]; און אויך דערויף זאגט מען "ישרש יעקב" - אז דאס איז זיין שרש עד סוף כל הדורות,

און דאס גיט אים דעם כח אין פעולתו בעולם, אז ס'זאל זיין דער "יציץ ופרח ישראל", ביז אין אן אופן פון "ומלאו פני תבל תנובה".

כג. און דאס איז די התעוררות און דער עידוד וואס מ'באקומט פון "ר"ה לאילן" (לדעת ב"ש - "באחד בשבט", און לדעת ב"ה - "בחמשה עשר בו"), וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "כי האדם עץ השדה", און מיט דעם ענין פון "ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל":

נוסף אויף די מעלות וואס א איד האט מצד דערויף וואס ער איז א חי און א מדבר, האט ער אויך די מעלה עיקרית וואס איז פארבונדן מיט דעם ענין הצומח - וואס דאס איז דער ענין המדות ווי זיי זיינען נאך העכער פון דעם ענין השכל, "טורי השובא"[119], וואס דאס זיינען די מדות פון אברהם יצחק ויעקב, בדוגמת השרש וואס געפינט זיך (ברובא דרובא פון די אילנות) בארץ רוקא, און ניט בגלוי על פני הארץ.

און ער ווייסט אז ער איז פארבונדן מיט זיין שרש (בדוגמת מין הצומח) לעד ולעולמי עולמים, אז בכל מקום וואו ער גייט, און אין וועלכן אופן ער זאל זיך נאר פירן, איז "גם בשעת החטא היתה באמנה אתו יה'"[120] - עאכו"כ אז "כל ישראל בחזקת כשרות"[121], און אפי' אויב ער האט אמאל געטאן א חטא, האט ער שוין לאנג תשובה געטאן, ביז צו א תשובה שלימה וואס "זדונות נעשו לו כזכיות"[122].

און אין אים פליסן די כחות פון דער "ארץ החיים", ארץ העליונה, דורך דערויף וואס זיינע שרשים קומען אן "אל האבות", אברהם יצחק ויעקב, וואס "אין קורין אבות אלא לשלשה", זיי זיינען די "אבות" פון יעדער אידן עד סוף כל הדורות, וואס זיי גיבן אין אים אריין די אלע כחות, און זיי זיינען משלים זיין מציאות אלס "כי האדם עץ השדה".

און ווי געבראכט פריער (ס"כ) דאס וואס ס'איז מבואר

- אין -

----

118) יחזקאל לג, כד. 119) ראה תו"א מקץ לה, ר. ועוד.
120) תניא ספכ"ד. 121) רמב"ם הל' קדה"ח פ"ב ה"ב.
122) יומא פו, ב.

הנחה הה' בלתי מוגה

אין דעם מאמר ד"ה אל תצר את מואב, אז די עבודה בזמן הזה אין דעם ענין המדות, דער ענין פון צמח, וואס זיי זיינען כנגד די שבעה אומות - ווערט די הקדמה קרובה צו באקומען אויך די ארץ פון קיני קנזי וקדמוני,

ווארום בקרוב ממש וועט זיין די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט מקוים ווערן דער "כי ירחיב ה' אלקיך את גבולך"[123], וואס דאס גייט אויף די ארץ פון "קיני קנזי וקדמוני"[124], ובקרוב ממש.

* * *

כד. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה וארא אל אברהם גו'.

* * *

כה. בנוגע צו פרש"י אויף פרשה זו - איז דא א פרש"י וואס אזוי לערנט מען אים בפשטות, אבער ווען מ'איז זיך מתבונן אין דערויף, ובפרט ווען מ'פארגלייכט דאס מיטן מקור אין מדרז"ל פון וואנעט דער פירוש איז גענומען - זעט מען אז דער פירוש איז מלא שאלות וועלכע דארפן האבן א ביאור.

אין קאפיטל ו' אנהויבנדיק פון פסוק כו, שטעלט זיך רש"י אויף דעם כפל הלשון וואס מ'זעט אין די פסוקים: אין פסוק כו שטייט "הוא אהרן ומשה", און דערנאך אין פסוק כז שטייט "הם המדברים אל פרעה", און דערנאך אין זעלבן פסוק שטייט נאכאמאל "הוא משה ואהרן" - וואס לכאו' איז דאס א כפל לשון.

איז רש"י מפרש דאס וואס ס'שטייט "הוא אהרן ומשה" - וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק: וואס איז דא דער פסוק מחדש, מ'ווייסט דאך פון פריער אז דא רעדט זיך וועגן אהרן ומשה, האט דער פסוק געדארפט גלייך אנהויבן אז "אמר ה' להם" (צו די וועגן וועלכע ס'רעדט זיך פריער), אדער זאגן "אהרן ומשה אשר אמר ה' להם גו'", אן דעם ווארט "הוא" -

זאגט רש"י דעם פירוש בזה: "אלו שהוזכרו למעלה שילדה יוכבד לעמרם הוא אהרן ומשה אשר אמר ה'", אז דער פירוש פון "הוא אהרן ומשה" איז - "אלו שהוזכרו למעלה כו'" (די זעלבע וואס "הוזכרו למעלה").

דערנאך איז רש"י ממשיך אז דא שטייט "הוא אהרן ומשה", פריער אהרן און דערנאך משה, און דערנאך (אין דעם פסוק שלאח"ז) שטייט "הוא משה ואהרן", פריער משה און דערנאך

— אהרן —

---

123) ראה יב, כ. 124) ספרי עה"פ. ספרי ופרש"י עה"פ שופטים כ, ח.

הנחת הת' בלתי מוגה